שנה א׳ גליון ט״ז
פרשת בשלח
תשפ״ד

# גליון יומא בהילולא

ביאגראפישע שטריכן און קורצע אפשאצונגען איבער דאס לעבן און שאפן פון רבותינו הקדושים וועמענ׳ס ימי ההילולא געפאלט אין די קומענדיגע טעג.

## לוח ההילולא

**י״ז שבט**

הגאון רבי יחיאל ירושלמי זצ״ל מפראג

**י״ח שבט**

הגאון רבי מרדכי יהודה לעוו זצ״ל אבדק״ק אינטערדאם
הגה״ק רבי ישראל הלוי לאנדא זצ״ל מקעמפנא

**י״ט שבט**

הגאון רבי שמעון גרינפעלד זצ״ל בעל המהרש״ג

**כ׳ שבט**

הגאון רבי ירמי׳ פיורשט זצ״ל דומ״ץ אה״ו

**כ״א שבט**

הרה״ק רבי איציקל נעשכיזער זצ״ל

**כ״ב שבט**

הרה״ק רבי לייבעלע אייגער זצ״ל

**כ״ג שבט**

רבינו יוסף שושאן זצ״ל נשיא בטאלעדא
הרה״ק רבי פישל בערנשטיין מאומאן זצ״ל
הגאון רבי אהרן הײמאן זצ״ל

## י״ז שבט

### הגאון רבי יחיאל ירושלמי זצ״ל מפראג

געבוירן צו זיין פאטער רבי יוסף, ר׳ קלמנ׳ס ז״ל. רבי יחיאל האט משמש געווען אלס ריש מתיבתא אין שטאט פראג, און איז געווען א גאון קדמון, פון די חסידים הראשונים, גדולי התורה זענען ארויס פון זיין ביהמ״ד. אויף זיין מציבה איז נחרת "נתבקש הצדיק והחסיד ונבחר בבחירה, בעבור שהיה מתמיד בעדרה, ומעטרה בתדירה, לצדקה לגמילות חסד ולכל מצות פרטיות רץ במהירה, כמה ימים תפש ישיבה והוברר לקצין ולראש בברירה, שמו נאה לו הגאון הגדול החסיד וכו׳. ער איז נסתלק געווארן ביום טו״ב שבט שנת שנ״ח, ומנו״כ בביה״ח הישן בפראג. (ראה בספר אוצר הגדולים מערכת י׳ אות תתט״ו ושם כתוב שנפטר בירושלים וזה אינו כי בספר גל עד העתיק המציבה שלו [מס׳ 92] מביה״ח הישן בפראג).

## י״ח שבט

### הגאון רבי מרדכי יהודה לעוו זצ״ל אבדק״ק אינטערדאם

געבוירן בערך שנת תקפ״א, צו זיין פאטער רבי ישכר זצ״ל, און צו זיין מוטער מרת פראדל בת הגאון רבי מרדכי לעוו זצ״ל. בימי נעוריו האט ער געלערנט ביי הגה״צ רבי שמואל זוממער זצ״ל אב״ד פאפא. דערנאך האט ער געלערנט אין די פרעשבורגע ישיבה ביי מרן הגה״ק החתם סופר זצ״ל. נאכן פטירה האט ער פאר א קורצע ווײלע, בערך צוויי חדשים, געלערנט ביי הגאון בעל כתב סופר זצ״ל און דערנאך איז ער געפארן לערנען ביי הגאון רבי שלמה זלמן אולמאן זצ״ל בעל יריעות שלמה. אלס בחור איז ער א חתן געווארן מיט די טאכטער פון א גביר און ממש פאר די חופה האט מען אים מודיע געווען אז די כלה וויל זיך נישט אפשערן די האר כמנהג בני אשכנז. איז ער אנטלאפן פון שטח. שפעטער איז ער א חתן געווארן מיט מרת חי׳ ריקל ע״ה טאכטער פון רבי אשר זעליג הירש ארישאר ז״ל. נאך די חתונה האט ער עוסק געווען נאכמער בתורה ועבודה, ער פלעגט בלויז שלאפן צוויי שעה בײנאכט. אינמיטן דרימלן פלעגט ער זיך עטליכע מאל אויפוועקן און געקוקט אויפן זייגער אויב עס איז שוין די צייט אויפצושטיין. קודם האט ער נישט געוואלט נעמען אויף זיך די עול הרבנות, האט ער אנגעהויבן צו האנדלן מיט מסחר און ער האט געהאט א שותפת מיט הגאון רבי שמואל ערנפעלד זצ״ל גאב״ד מאטסדארף ובעל חתן סופר, זיי פלעגן אינאיינעם פארן קויפן סחורה ביומא דשוקא, רוב טאג האבן זיי אבער עוסק געווען בתורה. איינמאל איז דער חתן סופר אנגעקומען שפעט און ער האט געזאגט פאר זיין שותף אז ער האט געטראכט בשעת ווען ער איז ארויסגעגאנגען צו האנדלן אז די בעסטע סחורה איז צו לערנען תורה, האבן זיי ביידע אפגעלאזט די מסחר. א קורצע צייט שפעטער זענען זיי ביידע ארויף אויפ׳ן כס הרבנות.

בשנת תרכ״א איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין ק״ק אינטערדאם-נאסיוד און די גאנצע גלילות. [היינט ווערט די שטאט אנגערופן לושק״א, עס געפינט זיך אין רומעניע]. במשך די יארן האבן די קהילות ביסטריץ, אונגוואר און בערגסאס אים אויך פארבעטן אז ער זאל ווערן רב אין זייערע שטעט אבער דער אינטערדאמ׳ער רב האט עס אפגעזאגט ווילנדיג פארבלייבן אין אינטערדאם. פון אלע עקן וועלט האט מען געשיקט שאלות צו אים.

הגה״ק רבי חיים יוסף גאטליב זצ״ל אבדק״ק סטראפקוב מגדולי תלמידי מרן החתם סופר זצ״ל, איז איינמאל אנגעקומען קיין אינטערדאם. ווײלנדיג דארט איז ער געגאנגען באזוכן די מרא דאתרא , עס האט זיך דאן פארמירט א שיינע שמועס צווישן די צוויי גדולים, בדברי תורה און די אינטערדאמ׳ער רב איז שטארק נתפעל געווארן פון די גאונות און בקיאות פונעם סטראפקוב׳ער רב. ווען דער סטראפקובער האט באמערקט די התפעלות פונעם אינטערדאמער רב האט ער אנגעהויבן צו רעדן פון די גרויסקייט פון פארן צו צדיקים, און געזאגט אז ווער עס פארט נישט קיין צאנז איז אזוי ווי איינער לעבט בזמן שבית המקדש קיים און ער איז נישט עולה רגל. דער אינטערדאמ׳ער רב איז זיך געגאנגען שואל עצה זיין מיט זיין רבי׳ן דער יריעות שלמה, וואס האט אים געענטפערט אז קיין צאנז איז א מצוה צו פארן.

פון דאן איז דער אינטערדאמ׳ער רב נתקשר געווארן באילנא דחיי דער הייליגער צאנז׳ער רב זצ״ל, און ער פלעגט אסאך פארן זיך מסתופף זיין בצ״ק אין צאנז. דער צאנזער רב האט אים אויך מורה געווען אז ער זאל לערנען כתבי האר״י ז״ל ותורת הקבלה. נאכן הסתלקות פון הרה״ק

מצאנז זצ"ל האט ער נישט געוואלט מקבל מרות זיין פון קיינעם זאגנדיג אז זיין רבי איז דער צאנזער רב. ערשט אכט יאר נאכן פטירה האט ער אנגעהויבן צו פארן קיין שינאווא זיך מסתופף זיין בצ"ק פון הרה"ק בעל דברי יחזקאל זצ"ל. ווי אויך האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק בעל ייטב לב מסיגוט זצ"ל, הרה"ק בעל מעגלי צדק מדעעש זצ"ל און הרה"ק רבי ברוכ'ל מגארליץ זצ"ל.

דער אינטערדאמ'ער רב איז אויך געווען פון די גדולי הלוחמים קעגן די רעפארם און השכלה, און איז געווען פארמישט אין די פעולות פונעם טיילונג אין די קהילות אין אונגארן. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ח שבט שנת תרס"ו, ומנו"כ אין שטאט לושקא. מח"ס שו"ת מר"מ יהודה. (ראה גליון דור דור וסופריו גליון י"ז)

## הגה"ק רבי ישראל יונה לאנדא זצ"ל מקעמפנא

געבוירן צו זיין פאטער הגאון רבי יוסף סג"ל זצ"ל אב"ד ראהטין וחמעלניק. ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגביר רבי שמואל ב"ר משה פרץ זצ"ל פון שטאט לוברטוב (נעבן לובלין). נאך די חתונה איז ער געזעצן סמוך על שלחן חותנו אין ליברטוב, דארט איז ער געזעצן באהלה של תורה במחיצות פון די שפעטערדיגע גאוני ארץ וקדושי עליון צווישן זיי הרה"ק מבארדיטשוב זצ"ל, הרה"ק ישכר בער מזלאטשוב זצ"ל בעל הבית עיני און הגה"ק רבי יוסף תאומים זצ"ל בעל פרי מגדים. ווען ער איז געווען נאך א יונגערמאן האבן די ראשי הקהילה פון שטאט לובלין בוחר געווען אין אים אז ער זאל ווערן די רב ,ווען ער האט אבער געהערט אז הגאון רבי עזריאל הלוי איש הורוויץ זצ"ל וועמען מען האט גערופן די אייזערנער קאפ (ראה אודותיו ביומא בהילולא גליון ה') איז אויך א קאנדידאט האט ער בגודל ענותנותו מוותר געווען דאס רבנות שטעלע.

זיין ערשטע רבנות שטעלע איז געווען אין שטאט לובלא. בשנת תקמ"ז איז ער נתקבל געווארן אלס רב אין די שטאט קעמפנא – פוילן. פאר פערציג יאר איז ער געזעצן אויפן רבנות שטעלע און האט געפירט די עניני הקהילה מיט א שטארקקייט, און האט מתקן געווען אסאך תקנות צו פארבעסערן די שטאט. דארט האט ער אויך מרביץ תורה געווען פאר תלמידים.

אויך איז ער געווען מפורסם אלס פועל ישועות בקרב הארץ, און פלעגט זיך משתמש זיין מיט קמיעות. אין אגרות סופרים (מכתב י"ג) איז געדריקט א בריוו פון הגה"ק רבי עקיבא אייגער זצ"ל ווי ער בעט ביי הגאון רבי ישראל אז ער זאל אים שיקן א קמיע פאר א קליין קינד וז"ל "והנה פה בעירי נער א' ירא שמים בן ט"ז שנים בשמו שמואל הנולד מאשה הדס, מעוטף ומדוכא בחולי נופל ר"ל ממש בכל יום ב' וג' פעמים, ובא לו זה ערך חמש שנים, והוא ממש בסכנה כי נחלש מזה עד דכדוכו של נפש, לזה נפשי בשאלתי מאוד מכבודו יעשה זה למעני, וישלח לידי ע"י דואר המוקדם קמיע עבורו, אולי יתן ד' ויצליח וממש כמחי' נפש מישראל ...ואבטח כי לא יאמר מעכ"ת נואש לדברי, וימלא רצוני בזה במוקדם..."

רבי ישראל איז נסתלק געווארן ביום י"ח לחודש שבט שנת תקפ"ד. מח"ס מעון הברכות על מסכת ברכות. שירת ישראל על תנ"ך ומדרשי חז"ל. עין הבדולח על הש"ס. עלה דיונה ביאורים על אגדות ירושלמי. עטרת יהושע על הגדה של פסח. (ראה בקונטרס מטה לוי בראש ספרו עין הבדלוח).

# י"ט שבט

## הגאון רבי שמעון גרינפעלד זצ"ל [המהרש"ג] אבדק"ק סעמיהאלי

געבוירן ביום ד' חשון שנת תרכ"א, אין שטאט חוסט צו זיין פאטער הגה"ק רבי יודא זצ"ל אב"ד סעמיהאלי ובעמח"ס קול יודא און צו זיין מוטער בת רבי מרדכי כהנא ז"ל. יונגערהייט ווען ער איז געווען בלויז צוועלף יאר איז ער אריין לערנען אין די ישיבה אין חוסט ביי הגה"ק המהר"מ שיק זצ"ל, דעמאלטס האט מען שוין אויף איהם געזען די געוואלדיגע אייגנשאפטן מיט וועלכע ער האט אין די שפעטערדיגע יארן גע'שמ'ט, זיין התמדות בתורה, גאונות, חריפות אין בקיאות. ווען ער איז נאך נישט אלט געווען קיין פערצן יאר האט ער שוין אפגעשריבן א תשובה בדין אשת כהן חלל ואשת ישראל שנתערבו וולדותיהן,(די תשובה איז געדריקט אין שו"ת מהרש"ג ח"ג סי' פ"א). ווען ער איז אלט געווען פופצן יאר איז ער א חתן געווארן מיט די טאכטער פונעם ראש הקהל אין שטאט מונקאטש. ער איז דאן געזעצן אויף קעסט פאר עטליכע יארן אין שטאט מונקאטש. דארט האט שוין אנגעהויבן צו מרביץ תורה זיין פאר תלמדים. בשנת תרנ"ה איז ער אויפגענומען געווארן אלס דיין ומו"ץ אין ק"ק מונקאטש ווי אויך האט ער געדינט אלס חבר הבדי"ץ דק"ק מונקאטש, די בי"ד איז דאן געשטאנען אינטערן אוטיריטעט פון רב הגה"ק בעל דרכי תשובה זצ"ל, דער ראב"ד איז דאן געווען הגה"ק בעל מנחת אלעזר זצ"ל.

נאכן הסתלקות פון אביו, בשנת תרס"ז איז דער מהרש"ג אויפגענומען געווארן אלס מ"מ מיטן רבנות אין שטאט סעמיהאלי ווערנדיג מפורסם אלס גאון עולם, שר התורה, עמוד ההוראה און פוסק הדור. פון די גאנצע וועלט האט מען אים אנגעפרעגט שאלות חמורות. דארט אין סעמיהאלי האט ער אנגעפירט מיט א ישיבה און האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים. זיין דרך הלימוד איז נישט געווען מיט פלפול נאר ער פלעגט לערנען בדרך סברה, זיין פארלערנען איז געווען מיט א געוואלדיגע מתינות און קלארקייט אזוי אז אפילו א קליין קינד זאל קענען פארשטיין. זיין התמדת התורה איז געווען עד להפליא, און ער איז כמעט נישט געשלאפן נאר רוב שעות פון מעת לעת איז ער געזעצן און געלערנט. אזוי אויך איז דער מהרש"ג געווען גרויס אין חכמת הקבלה ותורות הח"ן. זיין רבי אין נסתר איז געווען הגה"ק רבי יצחק אייזיק ווייס זצ"ל אב"ד סוואליווע וראב"ד מונקאטש. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ט שבט שנת תר"ץ ומנו"כ אין סעהמיהאלי. מח"ס שו"ת מהרש"ג וספר זהב שבא על התורה. (ראה דור דור וסופריו גליון ד')

# כ' שבט

## הגאון רבי ירמיהו פיורשט זצ"ל דומ"ץ דק"ק המבורג ואלטונא

געווען א גאון מופלג ומכובד גדול, ראש המדברים בכל מקום. ער האט משמש געווען אלס חבר הבדי"ץ פון הגאון רבי זלמן מירלש זצ"ל אב"ד אה"ו (ראה אודותיו ביומא בהילולא גליון ח') ער איז נסתלק געווארן בשיבה טובה ביום כ' שבט שנת תס"ג (ראה בחכמי אה"ו דף 13).

## כ"א שבט

### הרה"ק רבי יצחק [איציקל] שפירא מנעשכיז זצ"ל

געבוירן אין יאר תקמ"ח אלס דער בן זקונים פון זיין פאטער הרה"ק רבי מרדכי'לע נעשכיז'ער זצ"ל און צו זיין מוטער מרת רייזא ע"ה. ווען ער איז געווען א קינד פון בלויז עלף יאר איז ער געווארן פאר'יתומ'ט פון זיין טאטע'ן, און ער איז פון דעמאלטס אן אויפגעצויגן געווארן דורך זיינע עלטערע צוויי ברידער הרה"ק רבי יוסף מוסטילא זצ"ל און הרה"ק רבי יעקב ארי' מקאוולע זצ"ל. ער האט מקבל געווען תורה פון הגאון רבי מרדכי מארדוש זצ"ל פון פראציק בעל הביאור והגהות אויפן מהר"ם שיף. חסידות האט ער געשעפט ביי הרה"ק מלובלין זצ"ל. אזוי אויך האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק רבי ברוכ'ל מעזבושער זצ"ל און ביי זיין עלטער שווער הרה"ק מבאדיטשוב זצ"ל. אין שנת תקס"ו האט ער חתונה געהאט מיט מרת גיטל ע"ה טאכטער פון הרה"ק רבי מאיר מבארדיטשוב זצ"ל מח"ס כתר תורה, זון פון הייליגן בארדטשוב'ער רב זצ"ל בעל קדשת לוי. שפעטער האט ער חתונה געהאט בזווי"ש מיט מרת לאה ע"ה טאכטער פון רבי יחיאל מיכל מקאשיווקא זצ"ל.

רבי איציקל האט זיך באזעצט אין נעשכיז, און נאכן הסתלקות פון רבו הרה"ק מלובלין זצ"ל, בשנת תקע"ה איז ער אויפגענומען געווארן אלס ממלא מקום אביו אין נעשכיז וואו ער האט איבערגענומען דאס רבנות פון שטאט און די הנהגה אויף עדת החסידים.

רבי איציקל איז געווען פון די מערסטע באוואוסטע צדיקים בדורו, און געווען שטארק בארימט מיט זיין גרויסע קדושה און צדקות. צדיקי דורו האבן זייער שטארק מפליג געווען בשבחו און פילע פון זיי זענען געפארן צו אים. זיין גרויסקייט קען מען עטוואס משיג זיין ווי מען זעהט די מורא'דיגע לשונות וואס הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זצ"ל שרייבט (בהסכמתו לספר תולדות יצחק) מלא התפעלות אויף רבי איציקל, צווישען אנדערע שרייבט ער "חיבור הק' מאת רבינו הקדוש מופ"ה [-מופת הדור] א"א [-איש אלקים] רבי יצחק זצוקלה"ה מנעסכאיז. עיני לא ראתהו, אך לשמע אזן שמעתי גודל צדקתו וקדשתו שהי' מפורסם ומסויים בכל העולם!" [אין אידיש: "דער הייליגער חיבור פון אונזער הייליגן רבי'ן, מופת הדור, דער געטליכער מאן, רבי יצחק פון נעסכאיז. מיינע אויגן האבן אים נישט געזען, אבער איך האט געהערט פון זיין גרויסע צדקות און קדושה מיט וועלכע ער איז באוואוסט געווען אין די גאנצע וועלט!"]

רבי איציקל נעשכיזער האט זוכה געווען צו אן אריכות ימים, און איז נסתלק געווארן ביי די אכציג יאר, ביום כ"א שבט שנת תרכ"ח. ומנו"כ אין נעשכיז. זיינע ד"ת זענען געדריקט אין ספר תולדות יצחק. (ראה שנות דור דור)

## כ"ב שבט

### הרה"ק רבי יודא לייב אייגער מלובלין זצ"ל

געבוירן שנת תקע"ו אין שטאט ווארשא, צו זיין פאטער הגאון רבי שלמה זצ"ל אב"ד פוזנא (ראה אודותיו ביומא ביהלולא גליון י"א) און צו זיין מוטער מרת רבקה גאלדא ע"ה, טאכטער פון רבי ישראל הירשוזן ז"ל. אין די יונגע יארן האט ער געלערנט ביים גאון רבי יצחק מאיר זצ"ל [דער שפעטער'דיגע ערשטער גור'ער רבי], וואס איז דאן געשטאנען בראש פון קבוצה פון לומדים מופלגים אין ווארשא. דערנאך איז ער געגאנגען לערנען ביי הגאון רבי מרדכי גרינבוים זצ"ל פון די למדנים אין די שטאט ווארשא, שפעטער האט ער געלערנט אין שטאט פוזנא ביים זיידן הגה"ק רבי עקיבא אייגער זצ"ל. סוף שנת תקצ"ה, האט ער חתונה געהאט מיט מרת באשע ע"ה, טאכטער פון הגביר רבי עזריאל מאיר גראדשטיין ז"ל מפרנסי וראשי הקהילה אין לובלין.

נאך די חתונה איז ער פארבליבן אויף קעסט ביים שווער. דארט איז ער געווארן מקושר צו די חסידים פונעם קאצקער חדר. אין א שיינעם טאג איז ער געפארן קיין קאצק זיך מסתופף זיין בצ"ק פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מקאצק זצ"ל. די משפחה פון זיין שווער, וואס זענען באשטאנען פון מתנגדים האבן זייער שווערליך אויפגענומען די נייעס, האט זיין שווער תיכף געלאזט וויסן די נייעס פאר זיין טאטע רבי שלמה, וואס איז געפארן קיין קאצק און פראבירט משפיע צו זיין אויף רבי לייבע'לע אז ער זאל איבערלאזן די דרך החסידות. מען דערציילט אז רבי שלמה האט געוואלט גוזר זיין אויף זיין זוהן, בגזירות כיבוד אב אז ער טאר נישט פארבלייבן אין קאצק אבער דער קאצקער האט דאן געזאגט אז "א מענטש האט דריי שותפים, הקב"ה, טאטע און מאמע, די חכמינו ז"ל זאגן דאך אז שותף מה שעשה עשוי – וואס א שותף האט געטוהן איז פארפאלן, און אז הקב"ה איז אויך א שותף אינעם מענטש, ומה' מצעדי גבר, אז ער איז אנגעקומען אהער, איז דאך מה שעשה עשוי, און די אנדערע שותפים קענען שוין נישט טוישן..." . בשנת ת"ר, אין די תקופה ווען הרה"ק מקאצק זצ"ל האט זיך אנגעהויבן אפשיידן פון זיינע חסידים כידוע און זיין תלמיד הרה"ק רבי מרדכי יוסף מאיזשביצע זצ"ל האט דעמאלטס אנגעהויבן אליין צו פראווענען, האט רבי לייבע'לע זיך מצרף געווען אין די חבורה פון דער איזשביצער.

נאכן הסתלקות פון זיין רבי'ן דער איזשביצער, בשנת תרי"ד, האט ער נאך גרויסע הפצרות פון די חסידים -ובפרט פון ידידו הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זצ"ל- אנגעהויבן צו פירן אן עדה חסידים אין לובלין, ווי ער איז געווארן אויסגערופן מיט זיין קדושה און פלאמפייער'דיגע עבודה. זיין דאווענען איז געווען מיט א גרויסע ברען און קאך, און אפילו בעת זקנתו, ווען ער איז שוין געווען זייער שוואך איז זיין קול געווען ווי א לייב וואס האט מעורר געווען אלע ארומיגע. אין לובלין איז רבי לייבעלע געזעצן ברומו של עולם, טויזנטער זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצילו. רבי לייבעלע איז נסתלק געווארן ביום כ"ב שבט, שנת תרמ"ח ומנו"כ אין לובלין. מח"ס אמרי אמת, וספר תורת אמת.

## כ"ג שבט

### רבינו יוסף שושאן זצ"ל נשיא בטאלעדא

געבוירן צו זיין פאטער רבינו שלמה הנשיא זצ"ל. ער איז געווען אן איידעם בזיווו"ר ביי רבינו מאיר הלוי זצ"ל, דער רמ"ה. ער איז, ווי זיין פאטער געווען א מקורב למלכות ביים קעניג אלפונסו דער אכטער פון

קשטיליא, זיין ארביש'ן נאמען איז געווען אליאהוד אבן עומר. אינעם לייברי אין אקספארד געפינט זיך א שיר וואס זיין שווער דער רמ"ה האט געשריבן לכבודו (ראה בידיעות המכון לחקר השירה העברית ח"ב שיר ב' עמ' יב). רבי יוסף אינאיינעם מיט זיין טאטע'ן רבי שלמה זענען געווען מקורבים למלכות, און דער ראב"ן הירחי האט געשריבן די ספר המנהיג לכבוד פון טאטע און זוהן אין די הקדמה איז ער שטארק מרבה בשבחם צווישן אנדערע שרייבט ער "מחזקי הבדק ומנהיגי עולם בחסידותם, המלבישים דורם בשכלם ודעתם. היכלי קודש ודביר ואולם, אדונינו גאונינו מרנא ורבנא, הנשיא הגדול החכם, מדברנא דאומתיה, בוצינא דנהורא, רבי יוסף בן החכם הנשיא, החכם היקר, אדוני רבי שלמה, ושני צנותרות הזה....". רבי יוסף האט אויפגעבויעט א פראכטפולער בית המדרש אין טוליטולא.

רבי יוסף איז נסתלק געווארן ביום כ"ג שבט שנת ד' אלפים תתקנ"ה (ראה בספר מליצי אש וי"א שנפטר ביום ז' אלול ד' א' תתקס"ה ראה בקובץ שירי רמ"ה) **אויף זיין** מציבה איז נחרת "האבן הראשה תשואות חן חן לה, מקום הצדיק יקרא לה, כי נגנז תחתיה הנשר בעל כנפיים, וכל שרי המלך משתחוים לו אפיים הנשיא הגדול, גיבור התורה, ואלוף המשרה, בחיר ה' וידידו, יסוד עולם ועמודו, מופת הדור ופלאו, ממזרח שמש עד מבואו, הוד היקר וכבודו, בשמים עדו, ובמרומים סהדו, החן משוך אליו, והחסד נטוי עליו, משער המלך וגדוליו, המזלות דגליו, והכוכבים נושאי כליו, איש חמודות, ומבין חידות, ובתבונות לו י' ידות, השר והטפסר, אשר מדרכי ה' לא סר, מחמד עיניו, ומשה נפשינו, ורכבנו ופרשנו, החכם המופלא, והנשיא המעולה, מר ורב יוסף בן שושן, אשר היה רם ונישא וגבוה מאוד, בר כבוד הישיש החסיד, פטיש החזק, רבי שלמה יהושע, נפטר בשלהי שבט שנת ויבן את הבית ויכלהו. (ראה בספר אוצר הגדולים אלפי יעקב אות יוד מערכת תרל"ו)

## הרה"ק רבי פישל בערנשטיין מאומאן זצ"ל

געבוירן בערך שנת תקפ"ט צו זיין פאטער רבי יודא לייב ז"ל. ער האט חתונה געהאט מיט מרת אסתר מלכה ע"ה. רבי פישל איז אסאך ארומגעפארן צו צדיקי הדור, לויט ווי עס איז מקובל האט ער מצליח געווען צו מקבל זיין פניהם פון איבער הונדערט פופציג צדיקים בעלי רוח הקדוש [לויט אן אנדערע גירסא האט רבי פישל זוכה געווען צו קענען צוויי הונדערט און פופציג צדיקים]. זיין רבי מובהק איז געווען הרה"ק רבי משה צבי מסאווראן זצ"ל. א יאר צייט האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק בעל קדשת לוי מבארדיטשוב זצ"ל, ווי אויך האט רבי פישל געהאט די זכי' זיך צו געפינען בשעת די פטירה פון הרה"ק רבי פינחס מקאריץ זצ"ל, און בשעת די פטירה פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל אין זיין וואוין ארט אומאן. ווען ער האט איבער געזאגט פאר זיין רבי'ן דער סאווראנער, אז בשעת רבי נחמנ'ס הסתלקות האט ער געזעהן אויף זיין בעט א גאלדענע כלי' אנגעפילט מיט בלוט, האט דער סאווראנער געזאגט פאר רבי פישל "וואויל זענען דיינע אויגן וואס האבן דאס געזעהן"

רבי פישל האט ליידער לאנגע יארן געווארט אויף זש"ק, ווען ער איז אלט געווען אכציג יאר האט ער באקומען א ברכה פון זיין רבי'ן, הרה"ק מסאווראן זצ"ל צו א בן זכר, בתנאי אז ער פארט זיך באזעצן אין ארה"ק ת"ו. רבי פישל איז דאן ארויפגעפארן קיין ארה"ק ת"ו און זיך באזעצט אין עיה"ק צפת ת"ו, און האט טאקע זוכה געווען צו האבן א בן זכר און אפילו געזען דורות פון איהם.

אין צפת איז רבי פישל געווען א יוצא ונכנס ביי הרה"ק בעל בית עין זצ"ל. זייענדיג א גרויסע עושר האט ער אויפגעבויעט א גרויסער חצר פאר עניים, מען האט עס גערופן על שמו "רבי פישל'ס הויף". ער איז נסתלק געווארן זקן ושבע ימים, ביום כ"ג שבט שנת תרכ"ז, ומנו"כ בבית העלמין העתיק בצפת סמוך לציון האר"י הק'.

## הגאון רבי אהרן הײמאן זצ"ל מרבני עיר לאנדאן

געבוירן שנת תרכ"ה אין שטאט סלוצק צו זיין פאטער רבי מרדכי ז"ל. ער האט געלערנט ביים הגאון רבי יאשע בער סלאוויטשיק זצ"ל בעל הבית הלוי מבריסק וואס איז דאן געווען רב אין שטאט סלוצק, ווי אויך האט ער געלערנט אין די בארימטע וואלאזשנער ישיבה ביי הגאון הנצי"ב זצ"ל. ער איז נסמך געווארן להוראה דורך הגאון רבי חיים צבי ברוידא זצ"ל אב"ד זאגאר ישן און דורך הגאון רבי אלכסנדר משה לפידות זצ"ל אב"ד ראסיין. בשנת תרמ"ה איז ער אנגעקומען קיין לאנדאן וואו ער איז אויפגענומען געווארן דורך הגאון רבי נתן אדלער זצ"ל אב"ד ק"ק לאנדאן והמדינה בעל נתינה לגר אלס מו"ץ דק"ק כנסת ישראל לאנדאן והמדינה (יונייטי"ד סיניגא"ג). ער האט אויך געדינט אלס רב אין ביהמ"ד חברה ש"ס דמשכימים ומעריבים וזמירות ישראל (אויף סקארברו סט.). אויך איז ער געווען פון די מייסדים פון די ישיבת עץ חיים אין לאנדאן און פאר צען יאר איז ער געווען די מנהל און גבאי אין ישיבה. אזוי אויך האט ער מייסד געווען די אגודת השוחטים כדי צו שטיין לימין פון די שוחטים אין מדינת ענגלאנד. און די אגודת הת"ת לטובת נערי בני ישראל. סוף ימיו שנת תרצ"ג איז ער ארויף קיין ארץ ישראל. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ג שבט שנת תרצ"ז. מח"ס בית ועד לחכמים, תולדות תנאים ואמוראים, אגרת רב שרירא גאון ע"פ פתשגן הכתב, שו"ת בית אהרן ועוד.


**ברכת מזל טוב**

בשם אלפי קוראי גליונינו המפואר יומא בהילולא נשגר בזה ברכת מזלא טבא אל כבוד ידידנו, העומד תמיד לימין המערכת, אוצר התבונות ורב הכשרון, ידען ובקי נפלא במחקרי תולדות גאונינו גדולי ופארי הדורות, ובפרט רבותינו גדולי החסידות תלמידי הבעש"ט הק', צנמ"ס בתורה ובחסידות, איש האשכולות, מרביץ תורה לעדרים

הרה"ג ר' **ירמי' יצחק טאמבור** שליט"א

ר"מ בישיבה לפעוטים דסאטמאר - לאנדאן

**לרגל שמחת הולדות בתו שיחי' למזל"ט**

השי"ת יעזור שנזכה לרוב נחת דקדושה מכל יוצ"ח, מתוך הרחבת הדעת, ויזכה תמיד להגדיל תורה ולהאדירה, אמן

כעתירת ידידו עוז

**חנני' יום טוב ליפא שווארטץ**

בשם כל חברי המערכת



**זכות פרנס הגליון**

נתנדב ע"י הרבני הנגיד רבי **יחזקאל** בן ר' אשר זעליג **לעוו** ני"ד

לע"נ זקינו הגה"ק רבי **מרדכי יהודה** בן רבי **ישכר** זצ"ל

**אב"ד אינטערדאם**

נלב"ע י"ח שבט שנת תרס"ד



ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,

ניתן לפנות

yoimabhillula@gmail.com